**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/9/2022 **גאווערנער קעטי האָקול**

**גאווערנער האָקול אנאנסירט פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר בילדונג אין פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט, ארייננגערעכנט 31.5 ביליאן דאלער אין סקול שטיצע**

***סקול הילף העכערונג פון 2.1 ביליאן דאלער, פאר העכסטע מאס פינאנצירונג אין סטעיט היסטאריע***

***125 מיליאן דאלער מער אין פרי-קינדערגארטן פאר פיר-יעריגע קינדער***

***100 מיליאן דאלער צוגעשטעלן אקאדעמישע און גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר סטודענטן און אויסשולער***

***240 מיליאן דאלער העכערונג און אויסערגעווענטליכע פינאנצירונג בייגזאמקייט אויף אויסצושולן קינדער מיט אומפעאיגקייטן***

***2.2 ביליאן דאלער אין נייע קאפיטאל פאר SUNY און CUNY קאַמפוסן***

***500 מיליאן דאלער אין נייע אפעראציע שטיצעפאר SUNY און CUNY***

***150 מיליאן דאלער אין שטודיר קאסטן הילף פאר טייל-צייטיגע סטודענטן***

גאווערנער קעטי האָקול האט היינט געמאלדן די בילדונג הויכפונקטן פון דעם פינאנץ-יאר 2023 בודזשעט. טייל פון דעם היסטארישן פלאן נעמט אריין א רעקארד 31.5 ביליאן דאלער אין סה״כ סקול הילף פאר סקול יאר 2023, די גרעסטע מאס סטעיט הילף אין די היסטאריע, און 8.2 ביליאן דאלער אין שטיצע פאר העכערע בילדונג אלס טייל פון דעם היי-יעריגן בודזשעט.

״די מעגליכקייט זיך איינצושאפן א הויכע-קוואליטעט בילדונג איז דעם זילבערנעם קויל פאר אזוי פיל ניו יארקער,״ **האט גאווערנער האָקול געזאגט.** ״מיט דער בודזשעט וועלן מיר ארויסלאזן די קראפט פון העכערע בילדונג אויף צו הייבן די מענטשן פון אונזער סטעיט דורך אינוועסטירן אין אונזערע אינסטיטוציעס און אונזערע לערער. א דאנק די הילף פון מאיאריטעט פירער סטועורט-קוזינס און ספיקער היעסטי, וועט די פרעצעדענטלאזע מאס פינאנצירונג פארברייטערן צוטריט צו געלעגנהייט אין ניו יארק און בויט די בילדונג סיסטעם פון דעם צוקונפט.״

<u>**היסטארישע בילדונג פינאנצירונג**</u>

דער סטעיט בודזשעט שפיגלט אפ גאווערנער האָקול׳ס שטארקע אנטשלאסנקייט צו בילדונג דורך צושטעלן נאך פינאנצירונג און סערוויסעס נאכצוקומען די געברויכן פון סטודענטן, לערער און סקולס במשך דער פאנדעמיע. דער בודזשעט שטעלט צו 31.5 ביליאן דאלער אין סה״כ סקול הילף פאר סקול יאר 2023, די העכסטע מאס סטעיט הילף אין די היסטאריע. די אינוועסטירונג פארטרעט א יאר-צו-יאר העכערונג פון 2.1 ביליאן דאלער, אדער 7.2 פראצענט, אין פארגלייך צו סקול יאר 2022, ארייננגערעכנט א 1.5 ביליאן דאלערדיגע אדער 7.7 פראצענטיגע ׳פאַונדעישען עיד׳ העכערונג, פארטרעטנדיג דאס צווייטע יאר פון גאווערנער האָקול׳ס דריי-יעריגע אנטשלאסנקייט צו פולקאם פינאנצירן ׳פאַונדעישען עיד׳.

## אוניווערסאלע בעפאר-קינדערגארטן

דער איינגעפירטער בודזשעט העכערט די סטעיט׳ס יערליכע אינוועסטירונג אין הויכע קוואליטעט בעפאר-קינדערגארטן צו 1.1 ביליאן דאלער, א העכערונג פון 125 מיליאן דאלער, אדער 13 פראצענט. מיט די פינאנצירונג וועלן סקול דיסטריקטן קענען באזארגן צוטריט צו הויכע קוואליטעט, פול-טאגיגע בעפאר-קינדערגארטן לענגאויס דעם סטעיט פאר אומגעפער נאך 17,500 פיר-יעריגע קינדער.

## ׳ספעשעל עדיוקעשען׳ שטיצע

גאווערנער האוקול שטעלט אויך צו נאך 240 מיליאן דאלער אין נייע געלטער און באדייטנדע בייגזאמקייט צו די געלטער פון באשטימטע ׳ספעשעל עדיוקעשען׳ סקולס. די נייע פינאנצירונג פאר די בילדונג פון קינדער מיט אומפעאיגקייטן ווערט באגלייט מיט גרעסערע פינאנציעלע און אפעראציאנאלע בייגזאמקייט אין די סקולס אויף נאכצוקומען סטודענט געברויכן. דער איניציאטיוו וועט צושטעלן טראנספארמירנדע ענדערונגען אין וויאזוי אונזערע מערסט באדערפטיגע קינדער ווערן אויסגעבילדעט.

## אקאדעמישע און גייסטישע געזונטהייט שטיצע

דער סטעיט בודזשעט איז כולל א סה״כ פון 100 מיליאן דאלער און פארגליכענע סומעס איבער צוויי יאר צו ווערן צוגעשטעלט צו סקול דיסטריקטן און BOCES מיט די העכסטע נויט צו אדרעסירן סטודענט וואוילזיין און שולערײ פארלוסט פאראורזאכט דורך די טראומא פון דער קאָוויד-19 פאנדעמיע. דאס נעמט אריין שטיצע פאר פארלענגערטע סקול טאג אדער סקול יאר פראגראמען, נאך-סקול פראגראמען, גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנעלן און אנדערע ארטיג-באשטימטע איניציאטיוון.

## רעקרוטירן און אנהאלטן לערער

דער בודזשעט נעמט אריין פינאנצירונג פאר נייע איניציאטיוו צענטרירט ארום פארברייטערן דעם ארבעטסקראפט פאר לערער, ווי אויך פארברייטערן די מיטלען מיט וועלכע פראפעסיאנעלן פון אנדערע קאריערעס קענען ווערן לערער.

דער בודזשעט שאפט א סטעיט לערער וואוינונג פראגראם פריער אריינצוברענגען מער לערער אין סקולס און גלייכצייטיג צושטעלן מער מעגליכקייטן פאר שטיצע און טרענירונג אזוי ווי זיי לאזן זיך אין וועג אויף זייערע קאריערעס. דער סטעיט וועט אויך פארברייטערן אלטערנאטיווע לערער סערטיפיקעישען פראגראמען, ווי צ.ב.ש. דער ניו יארק סיטי לערער פאראיין, אויף צו מאכן גרינגער און מער צוציענד פאר פראפעסיאנעלן אין אנדערע קאריערעס צו ווערן לערער. שטרעבנדע לערער וועלן ווערן סטודענט-ארבעטער אין הויכע-נויט סקול דיסטריקטן און אין דער זעלבער צייט גיין פאר א מאגיסטער דיפלאם אין זייער געביט.

דער בודזשעט אנטהאלט איניציאטיוון אויף צו הייבן איצטיגע פארא-פראפעסיאנעלן און לערער באהעלפער. עס זענען פאראן איבער 100,000 פארא-פראפעסיאנעלן און לערער באהעלפער אין ניו יארק סטעיט שולעס — א ציפער וואס שטייגט גיך. דער בודזשעט וועט געבן גרענטס פאר פארא-פראפעסיאנעלן וועלכע בלייבן באשעפטיגט אין א סקול דיסטריקט אויף זיך איינצושאפן א לערער דיפלאם. סקול דיסטריקטן וועלן זיין פארלאנגט צוזאמצופּאָרן קאנדידאטן מיט פראפעסיאנעלע מענטארס.

אויף אונטערצוהייבן דעם ארבעטסקראפט און אדרעסירן דעם לערער מאנגל וועט דער בודזשעט צייטווייליג מוותר זיין אויפ׳ן איינקונפט מאקסימום פאר געוויסע רעטייער׳טע. עס זענען פאראן 169,000 רעטייער׳טע ניו יארק סטעיט לערער, פילע פון וועלכע וואלטן געקענט באשטיין צוריקצוגיין צו אויסלערנען, דורך מוותר זיין אויף דעם איצטיגן פענסיאן באגרעניצונג. פאר געוויסע רעטייער׳טע וועט מען אפשאפן דער 35,000 דאלערדיגער באגרעניצונג, באלוינענדיג לערער און אנדערע סקול ארבעטער זיך ווידער אנשליסן אין דעם ארבעטסקראפט.

## גרינע בילדונג

אויף צו פארבעסערן לופט קוואליטעט פאר ניו יארקער קינדער אין סקול, פארלאנגט דער סטעיט בודזשעט אז אלע נייע סקול באס איינקויפונגען זאלן זיין זערא-עמיסיעס ביז 2027 און אלע סקול באסעס אויפ׳ן ראוד זאלן זיין זערא-עמיסיעס ביז 2035. דער סטעיט בודזשעט וועט צושטעלן 500 מיליאן דאלער דורך דער ענווייראנמענטאל באָנד געזעץ צו שטיצן סקול דיסטריקטן אין איינקויפן זערא-עמיסיע באסעס און פארבינדענע טשארדזשינג אינפראסטרוקטור, כולל טשארדזשינג סטאנציעס. אין צוגאב אויטאריזירט דער סטעיט בודזשעט פאר סקול דיסטריקטן צו ליעס׳ען אדער פינאנצירן זערא-עמיסיע באסעס פאר 12 יאר, מער ווי טאפלט דער איצטיגער פינף-יעריגער באגרעניצונג פאר דיזעל באסעס כדי צו העלפן דיסטריקטן נאכקומען דעם ציל, און פארזיכערט אז טראנספארטאציע הילף ווערט צוגעשטעלט אויף זערא-עמיסיע באסעס און פארבינדענע טשארדזשינג אינפראסטרוקטור.

דער בודזשעט וועט בויען אויף גאווערנער האוקול׳ס אנטשלאסנקייט צו ברענגען ענווייראנמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט צו ניו יארקער סקולס. דער ריינע גרינע סקולס איניציאטיוו אין דער ״ריינע וואסער, ריינע לופט, און גרינע דזשאבס ענווייראנמענטאל באָנד אקט״ וועט סערווירן איבער 1,000 פובליק סקולס און בענעפיטן באלד 1 מיליאן סטודענטן. דער פראגראם וועט טרייבן באדייטנדע אינפראסטרוקטור אפגרעיד, ווי צ.ב.ש. געאטערמאל הייצונג און קילונג, סאָלאַר ענערגיע, גרינע דעכער, און אינעווייניגע לופט קוואליטעט / אויסלופטערונג. די העכסט-נויטיגע אינוועסטירונג וועט נישט נאר הייבן דער סטעיט׳ס עקאנאמיע נאר אויך העלפן ברענגען קלימאט יוסטיץ דורך ברענגען ריינע ענערגיע און א געזונטערע אינעווייניגע ענווייראָנמענט פאר פובליק סקולס מיט נישט גענוג הילפס-מיטלען.

**<u>SUNY און CUNY אפערירונג שטיצע</u>**

גאווערנער האוקול שטעלט צו איבער 500 מיליאן דאלער אין נייע SUNY און CUNY אפעראציע שטיצע. די טראנספארמירנדע העכערונג אנטהאלט געלטער פארביידע סיסטעמען און גרעסערע שטיצע פאר סטודענטן לענגאויס דעם סטעיט. דאס איז כולל 68 מיליאן דאלער חוב-סערוויס פארלייכטערונג פאר די דריי SUNY אויסשול שפיטעלער.

**<u>נייע איינגעשטעלטע</u>**
דער סטעיט בודזשעט באזארגט SUNY און CUNY מיט 106 מיליאן דאלער — 53 מיליאן דאלער פאר יעדע סיסטעם — אויפצונעמען נאך פול-צייטיגע איינגעשטעלטע ביי סיי פיר-יעריגע קאלעדזשעס און סיי קאמיוניטי קאלעדזשעס. די אינוועסטירונג וועט פינאנצירן נאך פול-צייטיגע איינגעשטעלטע — ביי SUNY און CUNY, אריינגערעכנט שטיצע פאר CUNY׳ס פלאן איבערצובייטן צייטווייליגע אויף פול-צייטיגע איינגעשטעלטע. אין צוגאב רעכנט אריין דער בודזשעט א 110 מיליאן דאלערדיגע העכערונג צו פינאנצירן זייטיגע בענעפיטן פאר SUNY און CUNY איינגעשטעלטע.

**<u>סטראטעגישע אינוועסטירונגען</u>**
דער בודזשעט אלאקירט 100 מיליאן דאלער פאר איינציג-מאליגע סטראטעגישע אינוועסטירונגען — 60 מיליאן דאלער פאר SUNY און 40 מיליאן דאלער פאר CUNY — צו פארבעסערן אקאדעמישע פראגראמען, העכערן די צאל איינגשריבענע, שטערקער מאכן סטודענט שטיצע סערוויסעס און מאדערניזירן די ווירטשאפט.

**<u>נייע קאפיטאל שטיצע פאר SUNY און CUNY איינריכטונגען</u>**
דער בודזשעט אינוועסטירט 2.2 ביליאן דאלער אין נייע סטעיט-פינאנצירטע צוטיילונגען פאר קאפיטאל פראיעקטן ביי SUNY און CUNY — 1.2 ביליאן דאלער פאר SUNY׳ס סטעיט-אפערירטע קאמפוסן, 879 מיליאן דאלער פאר CUNY׳ס סיניאָר קאלעדזשעס, און 102 מיליאן דאלער פאר קאמיוניטי קאלעדזשעס לענגאויס דעם סטעיט.

**<u>טייל-צייטיגע TAP</u>**
גאווערנער האוקול אנערקענט אז פאר פילע סטודענטן איז פול-צייטיגע העכערע בילדונג נישט אויספירליך מיט זייערע אנדערע לעבנס-פאדערונגען ווי ארבעט אדער פאמיליעס. זי אנערקענט אויך אז פילע סטודענטן דארפן האבן צוטריט צו ווירקזאמע טרענירונג קורסן אויף צו מערן זייער געניטשאפט אין זייערע איצטיגע קאריערעס. כדי דאס צו אדרעסירן טוט די גאווערנער צושטעלן 150 מיליאן דאלער צו פארברייטערן דעם טייל-צייטיגן שטודיר

קאסטן הילף פראגראם (TAP) צו שטיצן טייל-צייטיגע סטודענטן אין דיפלאם-געצילטע פראגראמען און נישט-דיפלאם טרענירונג פראגראמען ביי קאמיוניטי קאלעדזשעס.

**<u>שטיצן קאמיוניטי קאלעדזשעס</u>**
דער בודזשעט איז כולל א פינאנצירונג מינימום צו באשיצן קאמיוניטי קאלעדזשעס פון פארלירן איבער 80 מיליאן דאלער אין פינאנצירונג פון קלענערע צאל איינגשעריבענע.

**<u>פארברייטערטע געלעגנהייט פראגראמען פאר סטודענטן</u>**
די גאווערנער שטעלט צו א 30 מיליאן דאלערדיגע העכערונג אין פינאנצירונג פאר העכערע בילדונג געלעגנהייט פראגראמען און טרענירונג צענטערס צו פארזיכערן אז אזעלכע סטודענטן וועלכע שטייען אויס אקאדעמישע און עקאנאמישע אנגעשטרענגטקייט ווערן אוועקגעשטעלט פאר די גרעסטע ערפאלג.

**<u>פארברייטערן טשיילד-קעיר אויפ׳ן קאמפוס</u>**
די גאווערנער שטעלט אויך צו 15.6 מיליאן דאלער אין סטאַרט-אָפּ פינאנצירונג אויפצושטעלן טשיילד-קעיר צענטערס אויף אלע פארבליבענע SUNY און CUNY קאמפוסן. דער איניציאטיוו וועט שטארק פארברייטערן צוטריט צו העכערע בילדונג פאר מער יחידים.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418